„RADOMER-KIELCER LEBEN" 33 (223) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" פּרייז 25 גראָשען פינפטער יאָהרגאַנג

# ראַדאָמער-קעלצער לעבן

היינט 10 זייטען.

אדרעס
פון „ראַדאָמער-קעלצער לעבן"

Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben"
Radom, Szwarlikowska 20.

Oddział w Kielcach

אַנאָנסען פּרייזן!

אײן מילימעטער שורה: פאַר'ן טעקסט 20 גר
„ „ „ אין „ 40 „
„ „ „ נאָכ'ן „ 18 „
די פּרעסע און לעבנס זייט ענטהאַלטן 8 שפּאַלטן
אין טעקסט 4 „

ראַדאָם פרייטאג ח' אלול תרפ"ח. ◆◆ פאַר'ן אינהאַלט פון טעקסט אין די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פעראַנטוואָרטליך ◆◆ 24-go sierpnia 1928 r.

**Dr. Witold Pakowski**
**(choroby uszu, gardła, nosa)**
POWRÓCIŁ
i przyjmuje jak dawniej
**RADOM, ulica MARJACKA 12.**

צו פערדינגען
אַן אײנגעריכטעט געוועלב
מיט א בעקוועמליכע דירה
פון עטליכע צימערען
אויף פּאַלנא גאס 2
ערקינדיגען זיך ביים ווירט **אטשינסקי.**

משה צוקער (ראַדאָם)
מלכה עהרליך (שידלאָוויעץ)
**פערלאָבט**
ראַדאָם, 19 אויגוסט 1928

בײ דער פערלאָבונג פון אונזער ליבע טאָכטער און שוועסטער
**העניע יאַבלאָנסקאַ** מיט ה' **לעאָ ווײנוואָרצעל** אויס וואַרשא
ווינשען מיר, אז גליק און צופרידענהייט זאָל אייך אימער בעגלייטען.
עלטערן **שמואל** און פרוי **לאה**
און שוועסטערן **יאַבלאָנסקאַ.**

## נייעס! נייעס!

ווילט איהר, אז אייערע טעכטער זאָלען, אויסער די וועלטליכע למודים
אויך קענען **גרונדליך יודישע למודים** ווי צ. ב.
תנ"ך, העברעאיש, יודישע היסטאָריע, דאַווענען פערטייטשען,
ווי אויך **יודיש שרייבען** און **יודיש לעזען** מאַ נוצט אויס די גינס-
טיגע געלעגענהייט און שיקט אויף די **קורסען** וועלכע ווערען געעפענט דעם **2טען ווראָזשיע,**
די פּרייזען זענען זעהר צוגענגליכע 2 זלאָטעס א וואָך
און פאַר נישט-פערמעגליכע נידריגע פּרייזען.
אויף די קורסען ווערען צוגענומען שילערינס פון 7 יאָהר אָן. פאַר די שי-
לערינס, וועלכע געהען אין די שולען נאָך מיטאָג וועלען זיין די קורסען
טעטיג אין דער פריה און פאַר די שילערינס, וועלכע געהען אין די שולען
אין דער פריה, וועלען זיין די קורסען טעטיג נאָך מיטאָג.
אויך ווערט געעפענט א קורס פאַר דערוואַקסענע.
אײנשרייבונגען נעמט מען אין די קאַנצעלאַריע פון די קורסען ווישאָלדא 11
פון 12 — 10 פאַרמיטאָג און פון 6 — 4 אָוונד.
**ל. מילמאַן.**

## אכטונג! אכטונג!

מענער-שניידער, דאַמען-שניידער, קליידער-שניידערינס,
ניישטערינס, מאָדיסטקעס, טאַנדייטער, קינדער-שניידער
היטעל-מאַכער און אַלע, וואָס זענען פון דער נאָדעל-בראַנזשע
שבת פּינקטליך 4 קומט פאַר א אַלגעמיין
**פאַרוואַהל-פערזאַמלונג**
אין לאָקאַל פון „סורוויט" לובלינער 23.
אויפ'ן טאָג-אָרדנונג:
1) ראַפּאָרטען דעם צוועק פון דער נאָדעל-בראַנזשע. 2) פרייע פאָרשלאָגען.
גלייכצייטיג ווערט געמאָלדען, אז דינסטאָג קומט פאָר ענדגילטיג דאָס
גרינדען פון צעך ביי דער אַנוועזענהייט פון פאָרשטעהער פון דער מאַכט.
**די אָרגאַניזאַציאָנס-קאָמיסיע.**

T-wo „TOZ" w Radomiu składa PODZIĘKOWANIE
**W. P. Mecenasowi, rejentowi**
**ROGUSKIEMU**
za zaofiarowanie Zł. 25 na kolonje letnie,
celem uczczenia B. P.
JÓZEFA TEMERSONA
Radom, dn. 24|VIII - 1928 r.

דאָס לאַנג-עגזיסטירענדע טוך-געשעפט
**„אסתר גוטשטאַדט"**
ראַדאָם, לובלינער 2 פראָנט 1-טער שטאָק
מאַכט בעקאַנט דאָס זי בעזיצט צום ווינטער-סעזאָן א שענעם אויסוואַהל פון
פערשידענע **אַנצוגער** און **פּאַלטענס**
פון בּיליצער, טאָמאַשאָווער און לאָדזער פאַבריקען.

דעם אויפריכטיגסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס
מיין חבר און פריינד **איזאַק ווײנטרויב**
צוליב דעם טויט
פון זיין ליבע
מוטער
**טירצע נ. ע.**
יחיאל דען.

## דער בעסטער
עלעגאַנטסטער מענער היט
איז נור
# SELECT
פּאַדערט איבעראַל!

# ווער דארף אנפיהרען מיט דער וואהל־אקציע?

## שטימען פון לעזער.

עס איז שוין יעצט קיין סוד, אז די בז׳יעצטיגע גמינע־לייטונג אין ראדאם האט שוין די קאדענץ נעענדיגט, איהר לעבענס־עגזיסטענץ איז שוין אין גאַנצען ווי פאראליזירט, און ווי מען זאגט, געפינט זיך א דעקרעט פון מיניסטעריום, וועלכער וואַרענט די יעצטיגע גמינע, נישט צו מאכען וועלכע עס איז נייעס אין קהלה־לעבען, ווי: בויען, מאַכען אינוועסטיציעס, בעזעצען מיט צמטען, אדער מאכען הלוואות א. אז. וו., וייל צו איהר האט מען שוין יעדן צוטרוי פערלוירען און זי האט שוין ניט די מינדעסטע רעכט עפ״ס צוטוהן, נור מען מוז אָפּווארטען ביז די נייע וואַהלען וועלען אויסוועהלען א אנדערע לייטונג.

די ראדאמער גמינע־פיהרער, טראָץ די אַלע וואָהרנונגען מצד די עפענטליכע מיינונג, די געוואַלדיגע פראָטעסטען פון די ברייטע יודישע מאסען געגען זייערע אומטאָלערירבארע מעשים ביז יעצט, ווילען זיי ווייטער איבערלאָזען נאָך זיך א ירושה די שטאָדט, בעזעצען מיט שוחטים באדיי פון כמאַצק, האָציפּלאָץ און נאָך אזעלכע מקימות, פערגרעסערען דעם גמינע־פערסאנאל, גרינדען גאסען־בלעטלעך, צו פיהרען אגיטאציעס צו די נייע וואהלען — און אלעס בכדי צו האלטען פעסט די לייצען איבער׳ן עולם גולם (די זיי בעריהמען זיך) זיי חלומ׳ט, אז די וואהל־אַקציע וועט ווערען דורך זיי געפיהרט. דער „מעצענאס״ וועט זיין „וואַהל־קאָמיסאַר״, און מ׳וועט ווייטער שאכערען די וועהלער מיט בלאַף און פוסטע הבטחות.

נאָך אזוי פיעל שווערע בעשולדיגונגען וואָס ווערט זיי פאָרגעוואָרפען, נאך אזא פערוועניונג פון הונדערטער טויזענדער זלאָטעס, וואָס מ׳האָט אויסגעפרעסט פון די אויסגעהאָרעוועטע בירגער און אויסגעגעבען לאיבור, נאָך אזעלכע רעוועלאַציעס און ענטדעקונגען וועגען די אמעריקאַנער דאָלארען וואלט געהען אַ פערברעכען, א אונזין, אז די הערן זאָלען אַנפיהרען מיט די וואַהל־אקציע.

זיי מוזען יעצט דערווייטערט ווערען און אויף זייער אָרט מוז געשאַפען ווערען אַ צייטווייליגער ראט, וועלכער זאָל איבערנעמען רעכנונג און קאָנטראָלירען זייער טעטיגקייט ביז יעצט — און דער ראט זאָל אויך אָנפיהרען מיט די וואַהל־אקציע — אנדערש וועט ווערען אלץ פערפוילט און מיר וועלען זיך פון די קאריערעיסטישע פאראזיטען נישט קענען בעפרייען.

די ראדאמער געזעלשאפט האָבענדיג א גענוגענדען, קלאָר־אילוסטרירענדיגען מאטעריאל וועגען די נישט־געוואָנטע לייסטונגען פון דעם אָפּגעלעבטען מתים־שטיבעל, ברוך בעצייטענס זיך בעמיהען, אז אזא צייטווייליגער ראט זאָל געשאפען ווערען און איבערנעמען די וואהל־אקציע אין זיין האַנד. ווייל ווער, ווער, נאָר די היינטיגע גמינע תקיפים טאָ־ען בשום אופן נישט זיך מישען און א דורכפיהרען די וואַהל־אקציע נאָך די פיל שווערע בעלאסטונגען, וואָס זיי טראָגען אויף זיך.

ווי בעוויסט, האָט אזאַ וואַהל־קאָמיטעט צו זיין בעזיץ אַ ספּעציעלען פאָנד אויף צו ראַליזירען די וואַהלען. עס קאָן נישט זיין דעפּלאַזיבאָר, אז די היינטיגע גמינע־מושלים זאָלען מיט אזא פאָנד דיספּאָנירען און אויסנוצען עס פאר פערזענליכע עגאָאיסטישע צוועקען, כדי צורערהאַלטען אויף ווייטער זייערע אָבגעבליאַקעוועטע־מאַנדאַטע.

די שאַפונג פון אזא ראט איז אומבעדינגט א נויטווענדיגקייט, יעצט איז די ריכטיגע צייט און מ׳טאָר נישט געוואַרט ווערען ביז׳ן לעצטען מאָמענט.

די יודישע קהלה ענינים פאָדערען א ראַדיקאלע סאנירונג.

אַ לעזער.


בעקאַנטמאַכונג.

איך מאַך בעקאַנט דאָס די פירמע

ש. בלאַטט

לובלינער 30 (אין הויף)



ארבייט אויס צום זומער־סעזאָן

פעלד־בעטען, לעזשאַקעס

און אַפּלייג־פּאַטעלען צום שלאָפען

צו קאָנקורענץ - פּרייזען!

קומט און איבערצייגט אייך!


# הינטער די קוליסען פונ׳ם אַמאָליגען מאַגנאַטען לעבען אין ראדאם.

45. פון מלך אביון.

### אויף דער באהן־סטאַציע ביי וויען.

ה׳ ב. הערענדיג ווי ביי ראכעלא, זיין ווייב׳ס קוזינקע און אויך ביי אלע שכניגע — ווי מען דערט עפּעס צווישען זיך האלבע ווערטער, און בעמערקענדיג ווי אויף אלע פנים׳ער איז א טיפער ערנסט פערצויגען, האט ער זיך ווי פערלוירען. בעזונדערס האט איהם זעהר בעאומרוהיגט דאס, וואס ראכעלא׳ס מוטער האט ביים דערמאָנען וויען שטאַרק אָבגעקרעכצט. איהם, דער מאַדאם ב.׳ס מאַן, איז דאָס אלעס זעהר פערדעכטיג געוואָרען און ער האט זיך אין שרעק איבערגעפרעגט:

— וואָס איז דען? וואָס איז געשעה? פאַרוואָס ציטערט איהר אזוי, בשעת איך רעד פון וויען? צי ווייסט איהר עפּעס און איהר ווילט מיר נישט זאָגען?

— גאָרנישט, ס׳איז גאָרנישט, האָט זיך ראכעלא׳ס פאָטער אנגערופען מיט אזא טאָהן, וואָס האָט א סך געזאָגט און א סך נישט געזאָגט.

— איך זעה דאָך, אז ס׳איז עפּעס יאָ געשעהן. אפשר מיינט איהר דערמיט מיין פרוי, זאָגט, פאַר וואָס היט איהר זיך פאר מיר.

— ניין, ס׳איז נישט בעלאַנגען אייער פרוי מיר האָבען א אייגענע צרה — האָט איהם א עלטערע פרוי, וואָס איז געזעסען ביים טיש, בערוהיגט.

ה׳ ב. האָט זיך נישט געלאָזט בערוהיגען און מיט טרערען אין די אויגען זיך געבעטען, מ׳זאָל איהם דערצעהלען, וואָס דאָ קומט פאָר. מ׳האָט זיך נישט געקענט פון זיין אויסרעדען און מ׳האָט איהם דערקלערט, אז ראכעלא׳ס קאָלעזשאַנקע, סאַליע, איז קראַנק געוואָרען און זי ליגט יעצט אין א ווינער שפּיטאַל, דעריבער זענען אלע דא אזוי פערזאָרגט. מ׳האָט איהם נאָך געזאָגט, אז ראכעלא פאָהרט מאָרגען פאַרטאָגס קיין וויען צו סאַליע און זי וועט קאָנען געטרויער ווערען וואָס מיט דער מאדאם ב. איז געשעהן. מ׳האָט איהם, דעם ה׳ ב. געשטעלט נאָך איין בעדינג, אז ער מוז מיטפאָהרען מיט ראכעלא קיין וויען. אנדערש וועט זי גאָרנישט טהון. אזוי ווי אבער ה׳ ב. האָט נישט געהאט קיין פאס קיין וויען, איז געבליבען אָבצולעגען די ריינע אויף א טאָג־צוויי, ביז ער וועט פון דער קריי־קאָמענדע אזא פאס ארויסבעקומען.

צומאָרגענס, ווען ה׳ ב. האָט זיך נעזעגענט סטאַרעסט אין דער קאָמענדע א פאס האָט זיך אין דער זעלבער צייט אין די זעלבע קאַנצעלאַריעס אויך געדרעהט דער ה׳ ר. ביידע האָבען זיי פערלאַנגט פּעסער קיין וויען. און אזוי ווי זיי זענען ביידע געווען בעקאַנטע מענשען, האָבען זיי אין פערלויף פון א טאָג ארויסבעקומען אזעלכע פּעסער.

צומאָרגענס ביינאַכט ווען דער ה׳ ב. מיט ראכעלא זענען איינגעזעסען אין צוג צופאָהרען קיין וויען, האָט זיך אין זעלבען וואַגאָן בעוויזען דער ה׳ ר. ס׳האָט אויסגעזעהען ווי די צוויי הערען פערפּאַלגען זיך איינער דעם צווייטען, חאָטש זיי קאָנען זיך נישט און האָבען נאָך אין זייער לעבען נישט אויסגערעדט מיט זיך א וואָרט.

ווען מ׳איז אָבגעפאָהרען א שיינע פּאָר שעה, כמעט א האַלבען מעת לעת און זיך געפונען אויף א סטאַציע נישט ווייט פון וויען, האָבען זיי דערהערט ווי הילכיגע קולות פון ציינונג׳ס פער-

# א נייע גזרה אויפ'ן לאקאטאר!

דער לאקאטאר און צום טייל אויך דער בעל הבית זענען אין משך פון קריג און נאכ'ן קריג א סך אויסגעשטאנען. אין דער צייט, ווען די ווירטשאפטליכע בעציהונגען האבען זיך אינגאנצען געענדערט, ווען געלד האט פערלוירען דעם ווערט און דער יקירות איז געשטיגען, האט די רעגירונג אנגענומען פערשידענע מיטלען צו קעמפען געגען יקירות. מען האט ארויסגעגעבען פערשידענע פעראָרדנונגען, עס איז געווען אפילו א ספעציעלער אוזשאנד צו קעמפען געגען ליכייע און ספעקולאציע. ווי ווייט די אלע מיטלען האבען געהאלפען, ווייסען מיר זעהר גוט. מיר ווייסען, אז זיי האבען אזוי גוט ווי גארנישט אויפגעטוהן, אדרבה, זיי האבען נאך גאנץ אפט געהאט די אומגעקעהרטע ווירקונג, דער יקירות איז צוליב דעם נאך מעהר געשטיגען. נאר אויף איין געביט איז די פעראָרדנונג געוואָרען שטרענג דורכגעפיהרט און האט געהאט א פאזיטיווען רעזולטאט — אויפ'ן געביט פון דירה-געלד. דער „לאקאטארען-שוץ" האט געגאלטען אין פולער קראפט און גילט נאך צום טייל עד היום.

דער שוץ פון לאקאטאר געגען דעם בעל הבית האט געהאט א גוואלדיגע סאציאלע בעדייטונג. עס האט ממש בעוואָרעוועט די בעפעלקערונג פון א קאטאסטראפע און האט כאטש געזיכערט א דאך איבער'ן קאפ. מיר קענען זיך גארנישט פארשטעלען ווי מיר וואלטען אייסגעזעהען, ווען אין דער שווערער צייט פון הונגער און שרעק וואלט נאך צוגעקומען די זארג פאר א דירה, ווען מען וואלט געמוזט צאהלען דעם פולען ווערט פון דער דירה.

דער געזעץ האט אבער געהאט אויך א נעגאטיווע זייט: אזוי ווי דער בעל הבית האט ניט בעקומען פון זיין הויז דעם ריווח, וואס עס מוז טראגען דער קאפיטאל, וועלכער ליגט אין הויז, פון קיין פערדינסט האט איבעריגענס גאר קיין רייד נישט געקענט זיין, עס האט אפט געהאלטען דערביי דער בעל הבית זאל צולייגען פון קעשענע די נויטיגע הוצאות, איז דער רעזולטאט דערפון געווען, דאס מען האט איבערהויפט אויפגעהערט בויען הייזער. די בויבעוועגונג האט זיך אינגאנצען אפגעשטעלט; און אויב מען בויט נים קיין נייע הייזער און די בעפעלקערונג וואקסט מוז עס ווידער דערפיהרען דערצו מען זאל ספעקולירען מיט דירות, נעמען גרויסע סומעס פאר אפטרעטען א דירה. זיך שפארען אין ענגע לאקאלען א. אז. וו.

עס פערשטעהט זיך אזא מצב קען אייביג ניט דויערען. די רעגירונג און די געזעלשאפט זענען פעראינטערעסירט מען זאל בויען נייע הייזער. מען האט אפילו געפרובט בעפרייען די נייע הייזער פון לאקאטארען-שוץ און געבען די בעלי בתים פרייע הענד צו נעמען פאר דירות וויפיל עס לאזט זיך; אבער ס'איז ניט קיין גאנג, ווייל קיינער וועט זיך ניט ערלויבען דעם לוקסוס צו דינגען א דירה אין אזא נייע הויז, וואו דאס דירה געלד קען אויסמאכען פאר איין חודש אזוי פיל, וויפיל מען צאהלט אין א אלט הויז פאר א האלב יאהר.

מיר זעהען, אז אויפ'ן וועג פון דער פריוואטער איניציאטיווע ווערט דער ציעל נישט דערגרייכט. דער עולם כאפט זיך נישט בויען קיין הייזער און דערפאר נעמט זיך די רעגירונג צו דער אויפגאבע, אבער זי נעמט זיך אויף א גאר אריגינעלען אופן: זי וויל עס מאכען אויפ'ן חשבון פון לאקאטאר. עס ווערט פראָיעקטירט צו העכערן די דירה-געלד כמעט אויף צוויי מאל אזוי פיל ווי מען האט געצאלט פאר דער מלחמה און דער עודף זאל אבער נישט גיין אין די קעשענעס פון די בעלי-בתים, נאר עס זאל גיין אויף א ספעציעלען פאנד צו בויען נייע הייזער.

די גזרה איז, ליידער, נישט קיין נייעס. אין פראנקרייך, אין טשעכאסלאוואקיען האט מען שוין עהנליכע פראָיעקטען דורכגעפיהרט. אין פרינציפ איז עס א געוואלדיג נייעס: עס ווערט אבגענומען ביי די בעלי-בתים דאס רעכט פון אייגענטום אויף זייערע הייזער און די רעגירונג דיספאנירט זיי פאר איהרע צוועקען. עס איז א טייל-ווייזע סאציאליזאציע, וועלכע האט זיך אנגעהייבען מיט'ן לאקאטארען-שוץ און מען וויל עס ענדיגען מיט א לאקאטארען-שטייער אין א מאס, וואס וועט דעם עולם געוואלדיג צודריקען.

די גזרה, אויב זי זאל דורכגעפיהרט ווערען, וואלט ביי אונז, ביי די פערהעלטנישען, אין וועלכע מיר לעבען, ביים הערשענדען שטייער-סיסטעם, געווען א געוואלדיגע לאסט. ממש נישט צו פערטראגען. מען דארף זיך נאך פארשטעלען, ווי מיר וועלען אויסזעהן, ווען דער, וואס צאהלט היינט הונדערט זל. א קווארטאל דירה-געלד, וועט דארפען צאהלען גאנצע צוויי הונדערט מיט זיבעציג זל. פאר דעם זעלבען קווארטאל ווער וועט עס זיין בכח אויסצוהאלטען?

די דירות-פראגע איז טאקע זייער א הארבע. אבער זי קען ביי אונז אויף דעם אופן נישט געלעזט ווערען. ביי אונז איז נאך מעגליך צו ברענגען א איינלעבונג אין דעם בוי-פאך דורך א ביליגע אויסלענדישע הלואה. אויף די פלייצעס פון לאקאטאר קען מען באין אופן די לאסט נישט ארויפווארפען.

**ש. י. סטופניצקי.**

קיפינר שרייען און ליארמען: — וויכטיג נייעס! וויכטיג נייעס! ארעסטירט צוויי פוילישע פרויען אויס ראדאם אין וויען. אנטלאפען דער דעזערטער בוקאטשא, אונגארישער פיינריך. —

אלע דריי אין קופע זענען פון די ערמער אויסגעשפרינגען פון די ערטער און אין איין אימפעט זיך געלאזט לויפען צו די פענסטערלעך, און מיט פיבערדיגע הענד געקויפט די צייטונג, און מיט איין אטהעם גענומען לעזען די סענסאציע. ווען זיי האבען דערזעהן, אז דא האנדעלט זיך טאקע נישט פון קיין צווייטען נאר פון דער מאדאם ב. און פרוי ד. פון ראדאם, איז זיי פינסטער געוואָרען אינטער די אויגען און מ'האט גענומען שלינגען מיט איין שרעק יעדעס ווארט.

(פארטזעצונג קומט)

# א גאלעריע היימישע טיפען

— I —

**פון ריש-נון.**

יעמיד, יעמוד! דער ערשטער געהט!
קוקט איהם אלע אן און זעהט!
מאכט א ווארט! שטילער, שאט
עס געהט דער פרעזעס פון ראט.

ער איז דער פרעזעס אין דער קהלה
און אין שטאדט-ראט אויך אפילו
אין זיין קרייזל איז ער גבאי
ר'האט עולם הזה און עולם הבא.

די גמינע — דאס איז ער
און קיין דעה האט קיינער מעהר
יא, געווען איז אזוי אמאהל
ווען ניט געהאט א דעה האט קהל.

עס געדענקט נאך יעדער וועהלער
ווי געבלאזט די „גענערעלער"
האבען אלע דריי במזומן
כדי ער זאל אויף איהם נאר שטימען.

נאר ניש-קשה מיר זענען „צופריעדען"
אז ער איז פון די קהלה-יודען.
ווייל ער איז אנ'אלטער, גרויסער מימחה
בעשיינט ער דארט אונזער שמחה...

מילא דער יחסן, איהר קענט איהם גוט
ער איז טאקע א וואוילער יוד,
א טובה טוהן איז ער גרייט —
וואס קומט ארויס - ר'האט ניט קיין צייט.

שטענדיג נעלאפען יאג און יאג
סיי ביינאכט און סיי בייטאג
נישט חלילה אין קהל'ס זאכען!
זיינע אייגענע נישט אוועקצומאכען.

דעם צווייטען קאנט איהרז כ'מיין ר' יאסיל קעניג
וואס הייסט זיך דיענען קנעכטיש אונטערטהעניג
פון יעדען דרעה פון יעדען שוויץ
קומט ארויס ביי איהם א שפיץ...

ר'איז א חסיר גאר א פיינער!
א פערברענטער — שוין גאר איינער...
פון אלע רבי'ס מאכט ער שפאט
זיינער נאר — א גאנצער גאט.

איז אין ראדאם קהלה-וואהלען
האלט ער אין איין שופר-שאלען
ברענגט אנ'אגיטאטאר דא אהער
זיין גאנצער „מכניס אורח" איז נאר ער.

# די רעגיסטראציע-פעראָרדנונג פון ה' וואיעוואָדא אין קעלץ.

צוליב דער וויכטיגקייט פון דער רעגיסטראציע פון די וואַרשטאַטען געמאַכט דער האַנדווערקער-קלוב פאַר נויטיג איבערצוגעבן אין יודיש דעם פולן טעקסט פון די לעצטע פעראָרדנונג פון דער קעלצער וואָיעוואָדסטוואָ.

## בעקאַנטמאַכונג.

איך גיב עפענטליך צו וויסען, דאַס אין 15 גרודזשען 1927 יאָהר, איז אריין אין לעבען אויפ'ן גאַנצען שטח פון דער פּוילישער רעפּובליק (אויסער די שלעזיסקער וואיעוואודזטווע) די פעראָרדנונג פון מלוכה-פּרעזידענט פון דער רעפּובליק וועגען די רעכט פאַר פאַבריקאַציע, וועלכע איז פערעפענטליכט געוואָרען אין דז. אוסטאוו פון 15 טעגרוויעץ 1927 № 53 פּאָזיציע 468.

אין זין פון דער פעראָרדנונג ווערט פאַר פאַבריקאַציע (אויך מלאכה) גערעכענט יעדע פערדיענסט-בעשעפטיגונג, אָדער אונטערנעמונג, וועלכע ווערט זעלבסטשטענדיג און פאַכמעניש אויסגעפיהרט, מיט'ן אויסנאַהם, פון ערד-אַרבייט, גערטנעריי, וואַלד-בעשעפטיגונג, פיש-פאַנגעריי, הייל-אנשטאַלטען, אַפטייקען, הויזירער, ביטע-ביוראען א. ד. גל.

אונטער די פאָרשריפטען אונטערליגען איבער דעם:

1) האַנדעלס אונטערנעמונגען, אָדער בעדינונג'ס - אונטערנעמונגען מיט א שטענדיג זיץ-אָרט (א געוועלב אָ טייהוין, א מלעטשאַרניע) און די אונטערנעמונגען, וואָס האָבען א בעשטענדיגן אָרט צום פערקויף אויף א פּלאַץ, אָדער אין די גאַס א. ד. ג.

2) הויזירעריי, בעוועגליכער-האַנדעל ד. הייסט די פערדיענסט-בעשעפטיגונגען, וועלכע ווערן אויסגעפירט זעלבסטשטענדיג און פאַכמעניש און פערזענליך אָהן א שטענדיג זיץ-אָרט, א סחורה פערקויף, א סחורה איינקויף מיט'ן צוועק צו פערקייפען א 2-טען קונה נור נישט אויף קיין ספּעציעל האַנדעלס-אָרט, ווי אויך דאָס פּראָפּאָנירען און אויספיהרען פערשידענע אַרבייטע. ווי דראַטשעווען כלים, פעריכטען פּאַראַסאָלען, גלעזער א. אַנדערע.

3) האַנדווערקעריי

4) קאָנצעסיאָנירטע האַנדווערקעריי צו וועלכע עס געהערען: די וועלכע פיהרען דורך וואַסער-איינריכטונגען, גאַז, עלעקטריע, קוימענקערערס (האָטעלען, ואָיאַזדען, פענסיאָנאַטען, קאָרט-הייזער) האַנדעל מיט אלטוואַרג, אויספאַרבייטונג און פערקויף פון פערשידענע אויפרייס-מאַטעריאַלען, געווער, אַמוניציע, לופט-שיפען, אונטערנעמונגען, וועלכע פערמיטלען ביים בעקומען שיפס-קאַרטען, עקספּעדירען באַגאַזשען, אונטערנעמונגען, וועלכע ערלעדיגען פערשידענע ענינ'ים אין די באַן אַמט און מאַנען שאָדענס, אויך אינפאָרמאַציאָנס-ביוראָען וועגען קרעדיט-פעהיגקייט פון פאַבריקאַנטען און אַנדערע פערזאָנען.

5) פאַבריקען פון יעדען אָרט (Zakłady przemysłowe)

ווער עס האָט אָנגעהויבען אויספיהרען די אינטערנעמונגען אונטער די נומערען 1 — 3 און 5 (האַנדעל, מלאכה, פאַבריקאַציע) אזוי פאַר'ן 15 גרודזשען 1927 יאָהר, אזוי אויך נאָכ'ן טערמין, אָדער יעצט וואָס האָבען אָנגעהויבען צו אַרבייטען מוז (Winień) מעלדען וועגען דעם ה' סטאַראָסטע אויפגעבענדיג: 1) נאָמען, פאַמיליע, עלטער, מלוכה - אָנגעהעריגקייט און וואוי-אָרט. 2) אָרט בעשעפטיגונג און ווי ווייט מעגליך גענוי צו בעצייכנען דאָס פאַך. 3) דאָס אָרט וואו עס ווערט אויפגעפיהרט דאָס פאַך (דאָס אָרט פון קאַנטאָר, לאָקאַל) 4) די פירמע („עקספּרעס" „זגאָדא").

די האַנדווערקער מוזען אויסער דעם בעלעגען קוואַליפיקאַציע-דאָקומענטען, וועלכע בערעכטיגען איהם צו פיהרן א זעלבסשטענדיגן וואַרשטאַט.

אויף איינאָרדנען א פאַבריק דאַרף מען צום ערשט בעקומען א בעשטעטיגונג פון פּלאַן.

ווער ס'האָט ברעה נאָכ'ן 16-טען גרודזשען 1927 יאָהר אָנצוהייבען צו פיהרען א קאָנצעסיאָנירטע אינטערנעמונג, אָדער א בעוועגליכע אונטערנעמונג, מוז אריינטראָגן אָ ביטע צום ה' סטאַראָסטע וועגן געבען איהם א קאָנצעסיע, אָדער א ליצענציע, ביילייגענדיג געהעריגע דאָקומענטען. און די אויבענדערמאָנטע ענינ'ים וועלען די ה"ה סטאַראָסטעס, אָדער די דורך זיי בעשטימטע בעאַמטע געבען; ערלעדיגען.

ווער עס וועט נישט מעלדען וועגען זיין אונטערנעמונג פון די אויבענאויסגערעכנטע אָדער קאָנצעסיאָנירטע און בעוועגליכע און א ערלויבניש אונטערליגט א שטראָף ביז 1000 זל. אָדער ארעסט ביז 14 טעג, אויף וויפיעל דער טהאַט ווערט נישט קוואליפיצירט ווערען אונטער'ן אלגעמיינעם שטראָף קאָדעקס.

קיעלץ דעם 12|6 1928 וואָיעוואָדא

(—) קאָרסאַק.

די קאָעדוקאַציע גימנאַזיום געז.

# „פּשיאַטשול-ווילעדזי"

אין ראַדאָם (מיט רעגירונג'ס - רעכט)

מאַכט בעקאַנט די עפענטליכקייט, אז די עגזאַמינעס פאַר די נייע אריינטרעטענדע שילער וועלען זיין אָנגעהויבען דעם 3-טען ווזשעשיען ה. י.

די קאַנצעלאַריע פון די גימנאַזיום נעמט אָן איינשרייבונגען טעגליך בין דעם 2-טען ווזשעשען איינשליסלין.

צו די ביטעס בעדאַרף מען בעלייגען א געבורט'ס-מעטריקע, א אומפּונגשיין, עווענטועל -- א שול-צייגניש.

די קאַנצעלאַריע נעמט אויך אָן איינשרייבונגען פון קינדער אין די פאָרשול אין עלטער פון 5½ ביז 7 יאָהר.

די דירעקציע.

דער עסיג „זדראָוויע" פון די פאַבריק ב. פריזעדיאַוויץ ראַדאָם, וואַרשאַווער 8

איז אָנערקענט דורך דעם וואַרשאַווער געזונדהייט'ס אַמט און כעמישע לאַבאָראַטאָריום אלס דער געשמאַקהאַפטסטער, נאַרהאַפטיגסטער און דער געזונדסטער, ווייל ער איז אויסגעאַרבייט פון שפּירט אָהן וועלכע עס איז געפעהרליכע כעבסטאַנצען.

עמפעהלט איהם צו פערשידענע מאַרינאַטען: הערינג, סאַלאַט, אוגערקעס, פלאָמען, עפּפעל, בירנען, קאַנישאַנען און צו קאָנסערוואַציע

פערלאַנגט מיט מיין פאַבריקס-מאַרקע

Ocet „ZDROWIE"

אין אלע געשעפטען.

די פירמע איז בעשאָנקען געוואָרען מיט דעם גרעסטען גאָלדענעם מעדאַל אויף דער פאַריזער ווייסטאַוועס פון יאָהר 1927.

בעצאָהלט האָט מען איהם דערפאַר
(באמת קומט דאָך איהם אַ שכר..)
ר'האָט א בענקעל בעקומען גלייך
און א פרנס געוואָרען ביי אייך.

אָס די צווי ווי איהר זעהט
קומען זעלטען, אָדער שפּעט
אָבער ווען מ'דאַרף א שיחה, דיין
זענען זיי פערהאַן אין רייען...

דער ערשטער געהט אייפ'ן פראָנט
דער ווייטע-פּרענעס יעמען א הער קאָנט

ס'איז ר' שמעון מיט'ן הדרת פנים
און כ'ווינש איהם אריכת ימים ושנים.

א יוד אָהן קונצען, אַנ'איש תמים
אַנ'עוסק בתורה לילות וימים
פערזאָרגט יתומים און זקנים
טהוט אלץ אליין, נישט פרעגט ביי קיינעם.

דער צווייטער איז: ר' העניך יין
זעהט די וועלט נאָר מיט איין עין
און דאָך ער ווייסט ווער אָרים. ווער רייך
אַלע אויפ'ן בית עולם זענען ביי איהם גלייך.

ער איז א גרויסער „בעל רחמנות"
א יוד א פשטן אָהן כונות
משקה איז ביי איהם א היכער ענין
א שטיקעלע קרקע — א גרויסער קנין.

נישט צוגענומען, חלילה, א גראָשען ביי קיינעם
ער האָט א געוויסען א לויטער. א ריינעם
א גבאי קיין ע"ה אין די חברה קדישה
בעל שחרית, בעל מוסף, א גאַנצער בעל ששי.

(המשך קומט.)

# וואס הערט זיך אין ראדאם.

## צו אלע אויטא-אייגענטימער'ס אין ראדאמער קרייז.

פון די סטאראסטווא האבען מיר בעקומען צוגעשיקט פאלגענדען קאמוניקאט:

אויפ'ן יסוד פון דער פעראָרדנונג 120 דעם 27-ען 1928 (דזש. אוסט. גומ. 396—41) ווערען אלע אייגענטימער פון אויטאס און פון אנדערע מעכאנישע פאהר-מאשינען, אויפועפאָדערט צו פערעיעסטרירען זייערע פערקעהר-מאשינען אין דער דירעקציע פון עפענטליכע ארבייט אין קעלץ.

די דערהאלטענע רעגיסטראציע-דאקומענטען דארף מען פארשטעלען דער פאוויאטאווער אדמיניסטראטיווער מאכט צו עווידענץ-צוועקען ביז דעם 10 ען וושעשיען ה. י. אמשפעטסטענס.

## ראדאמער האנדווערקער, פערשפעטיגט נישט מיט דער רעגיסטראציע.

נישט קוקענדיג אויף די אלע רופען און וואַרנונגען צו די יודישע האנדווערקער אין ראדאם, זיי זאלען רעגיסטרירען זייערע וואַרשטאטען בעמערקט זיך דאך א געוויסע אבסטינענץ און צוריקגעהאלטענקייט מצד א גרויסען טייל, וואס שטצען נרינג דאס אויספיהרען די נויטיגע פאָרמאליטעטען

די אפאטישע בעציהונג לאזט זיך ערקלערען מיט איינער פון די צוויי סבות: אדער זיי שאצען נישט ווי געהעריג אב און גלויבען נישט בכלל אין די פאטאלע קאנסעקווענצען, וואס קאנען צוליב אט דער נאכלעסיגקייט ארויסקומען, אדער זיי שפעקולירען דעוריף, וואס זיי רעדען זיך איין, אז זיי וועלען נישט פערשפעטיגען דאס צוטוהן.

אזוי איז שוין די טבע פון יוד: ווי נאר די סכנה לאזט נאך אויף א רגע פערגעסט ער פון אלעם און נעמט ווייניג אין אכט דאס, וואס די סכנה איז נאך געגנליך נישט בעזייטיגט און קאן ביי נישט אננעמען געהעריגע שריט — ווידער זיך בעווייזען.

דער גלייכגילטיגער טייל האנדווערקער, דערהערענדיג, אז מ'האט פערלענגערט דעם טערמין צו רעיעסטרירען זיך, מאכט זיך א פנים, אז די רעגיסטראציע-פעראָרדנונג איז אינגאנצען געמילדערט געוואָרען אזוי. אז ס'ווענדט זיך אין זיין ווילען, אדער נישט ווילען. און צו דער דאזיגער הנחה געפינען זיי די רעשט א היתר און איילען זיך ווייטער נישט דורכצופיהרען די רעגיסטראציע. ס'ווערט דערביי געוואָרענט, נישט צולאזען זיך פערפיהרען פון אייגענער לייכטזיניגקייט און די רעגיסטראציע ווי אמשנעלסטען דורכפיהרען. אויך דער פראלאנגירטער טערמין וועט פערביי און דאן וועלען זיי בעדוירען און נישט האבען קיינעם צו בעשולדיגען סיידען זיך אליין.

דערביי ווערט אויך אויפמערקזאם געמאכט די אלע האנדווערקער, וואס בעזיצען זעלבסטשטענדיגע וואַרשטאטען, זיי זאלען אונבעדינגט נאכקוקען און קאנטראלירען, צי זיי זענען אריינגעצויגען געוואָרען אין די וועהלער-רשימות, וועלכע בערעכטיגען דעם אנטייל אין די וואהלען צו די האנדווערקער-קאמער. די דאזיגע קערפערשאפט וועט האבען א ערשטקלאסיגע בעדייטונג פאר די אינטערעסען פון יעדען האנדווערקער און די יורישע האנדווערקער זענען דעריבער מחויב אין זייערע עקזיסטענץ אינטערעסען צו בעמיהען זיך צו זיין פארטרעטען אין א גרעסערע צאהל בעת די וואהלען, כדי דאדורך מיטווירקען צו א גרעסערע יודישע האנדווערקער-פארטרעטערשאפט אין דער דערמאנטער קאמער.

אויף איבערצייגען זיך. צי מ'איז אריינגעטראגען און מ'פיגורירט אין די וועהלער-ליסטעס, קאן מען זיך ביי די הוינ-ווירטען, אדער זשאנדארמעס, וועלכע האבען בעקומען צוגעשיקט אזעלכע פארמולארען אויסצופילען.

בנוגע אלע ענינים, וואס שייך די רעגיסטראציע, אדער די וואהלען צו דער האנדווערקער-קאמער, קאן מען זיך אויספיהרליך אינפארמירען אין סעקרעטאריאט פון האנוו. קלוב. וואו ס'זיצט ספעציעל אן אדוואקאט, וואס דיענט יעדען מיט עצות און געהעריגע יורידישע אנווייזונגען.

## געהיימניספולער מארד אינטער ראדאם.

אויפ'ן וועג קיין יעדלינסק, נישט ווייט פון ראדאם. איז אין דער נאכט פון פאריגען שבת אויף זונטאג אויסגעפיהרט געוואָרען א בעסטיאלער מארד אויף איינעם פון די איינוואוינער פון דאוף יעדלאנקא (גמינע יעדלינסק) פראנציששעק קאוואלטשיק.

ס'איז געווען שפעט אין אווענד. קאוועלטשיק האט זיך אומגעקעהרט אהיים פון ראדאם. ווען ער האט זיך געפינען אין דער מיט וועגס זענען אין דער פינסטער ארויסגעשפרונגען פון די זייטיגע קשאקעס עטליכע פארשוינען און נאך מאכען איהם אומווידערשטאנדספעהיג, אנידערגעוואָרפען איהם אויף דער ערד, נאך וועלכען איינער האט דעם אומגליקליכען גענומען שלאגען אויף א מערדערליכען אופן מיט א שטיק אייזען.

דער בעפאלענער האט פון די נרוי-

## פון די ראדאמער מעשה'לעך.

### ווען א יוד געהט נישט בדרך הישר...

שוין זינט עטליכע וואכען זייט ווי אינזער שטאדט טומעלט זיך מיט א מעשה, וואס איז זיך פערלאָפען צווישען החתן כמר ה' ה. מיט א הבתולה הצנועה מרת ק.

און מעשה שהיה, כך היה.

צוריק מיט עטליכע יאהר האט זיך קיין ראדאם אריינגעצויגען מיט זיין בני-בית (א פלונית'טע מיט 4 קינדער) א געוויסער יונגערמאן ה. ה.

געקומען קיין ראדאם איז ער אלס חסידישער יונגערמאן, לאנג געקליידט אבער שפעטער מיט א פאר חדשים איז ער — לא עלינו — „געכאפט געוואָרען אויף דער מעשה" אדער ווי „אנשי שלומנו" רופען דאס: „קאליע געוואָרען". ער איז געוואָרען א „מקצר בעליונים און א מאריך בתחתונים" און אנגעהויבען זיך שניידען אויף א אנדערען דרך...

דאס ווייבעל — א קליין שטעטעלדיגע יודענע — האט דערפון אפילו קיין גרויס נחת נישט געהאט, אבער וואס זאל זי טוהן, אז אפילו אין דעם הייליגען טייטש-חומש אליין שטייט געשריבען: אז דער מאן איז בעל-הבית און מ'טאר איהם קיין דעה נישט זאגען.

און, „אז דער יצא-הרע נעמט איין נעם אריין אין זיינע טריפה'נע נעגל לאזט ער איהם אזוי גיך נישט אפ" אזוי איז אויך געשעהען מיט אונזער העלד", ביסלעכווייז האט איהם די סכרא אחרא בעהערשט און ער האט אנגעהויבען „ווארפען אויגען" אויף פרעמדע נשים און בתולות רחמנא-לצלן... אזוי לאנג ביז ער האט זיך פערליבט אין דער בתולה מרת X.

דאס מיידעל האט דעם יונגערמאן אויך נישט פיינט געהאט ווייל פארוואס זאל עפיס א בתולה פיינט האבען א יונגערמאן, וואס גיט שאקאלאד, שיסט מיט געלד און קאמפלימענטען פונקט ווי אן אמעריקאנער מיט שקרים. והשנית: די „בתולה הצנועה" פערמאגט בכלל א ברייט הארץ און קיין אנטיסעמיטקע איז זי אויך נישט...

סיי ווי די געשיכטע האט זיך אזוי פערצויגען עטליכע יאהר און יענע וואך האט שוין דער יונגערמאן מעהר נישט געקענט פערליידען דעם ווייבס סקאנדאלען און די שכנים'ס בייזע בליקען — ער האט דערפאר בעשלאסען צו שטעלען א חופה מיט דער בתולה. אי וואו איז דער „ח"ם דרבנו גרשום"?! אין דעם האט ער גאר פערגעסען, אדער זיך נישט וויסענדיג געמאכט...

געערדס און געטוהן, יענע וואך איז ער צוזאמען מיט דער „כלה" אוועקגעפאָהרען קיין ק. און זיך צוגעגרייט צו דער חופה...

דערווייל איז מען דערפון געוואויר געוואָרען אין ראדאם. איז פלוצים קיין ק. געקומען צו פאָרען דאס ווייב מיט'ן ברודער און געמאכט א סקאנדאל.

פון דער חופה איז פערשטענדליך גארנישט געוואָרען, הבתולה מרת X איז פערבליבען א „פנויה" ווי ביז איצט... נאר דערווייל האבען שכנים ארבייט, מ'דערציילט די נארע געשיכטע פון בראשית אן, און מ'קאטשעט זיך פון געלעכטער.

געבעסערט ווערען, אזוי, אז די אומ-ארדנונג אויף דעם געביעט זאָל מעהר קיין ארט נישט האָבען.

בעה'ן איבערנעמען די ביכער פון „סטאן-ציווילנע" האָט די גמינע ארגו-ניזירט און ארויסגעלאָזט די לאָזונג אז זי וועט ביים איינמעלדען און ביים שליסען חתונה-אַקטען מאכען די גרעס-טע הנחות פאר דער יודישער בעפעל-קערונג. לסוף ווייזט זיך ארויס פונקט דער היפוך. אונלכעס וואָס קומט היינט פאר אין דער אבטיילונג פון איינמעל-דונגען און חופה וקידושין, האָט זיך פריהער און ביז דעם איבערנעמען דורך דער גמינע דעם דאזיגען אמט קיינמאָהל נישט פראקטיצירט און אזעל-כע מעטאדען זענען קיינמאָהל אין ראַ-דאָם נישט בענוצט געוואָרען.

## א פעראייניגטע ליסטע פון יודישען און פוילישען סוחרים-פעראיין אין ראדאָם.

צוליב די פארשטעהענדע וואהלען פון דער האנדעלס-קאמער איז געשלאָ-סען געוואָרען א פעראייניגונג צווישען דעם יודישען און פוילישען סוחרים-פעראיין אין ראדאָם.

ביידע הינע סוחרים-פעראיינען וועלען ארויסשטעלען אַ אייגהייטליכע ליסטע און וועלען שטימען פאר די קאנדידאטען, וואָס וועלען פיגורירען אויף דער בשותפות'דיגער ליסטע.

דער זיך פלאץ פון דער האנדעלס-קאמער פאר דער קעלצער וואָיעוואודס-טווא איז בעשטימט געוואָרען סאסנאָוו-יעץ. סטענסטאָכאוו און ראדאָם וועלען יעדער האָבען צו איין אבטיילונג פון דער צענטראלער האנדעלס-קאמער.

דעם 26-טען שערפיעי ד. י. קומענדי-גע וואָך קומט פאר אין סאסנאָוויעץ א קאָנפערענץ פון אלע ווירטשאפטליכע אינסטיטוציעס אין דער קעלצער וואָיע-וואודסטווא, כדי צו בעטראכטען פער-שידענע ענינים אין צוזאמענהאָנג מיט דער האנדעלס-קאמער.

פון ראדאָמער סוחרים-פעראיין ווערט אויף דער קאָנפערענץ דעלעגירט פרע-זעס נתן זיגמאַ.

**Zgubiono weksel** z wystawą **H. Dąbek** Radom na 100 zł. z terminem płatności 10 października b. r. weksel niniejszy unieważnia się.

**H. Dąbek**
Radom Lubelska 25.

# Oświadczenie.

Niniejszem oświadczam, że deklarację jakoby nigdy nie kupował u f. **JAKÓB MONDSZAJN w Radomiu** żelaza po cenie niższej niż gr. 47 za kg. mniej 5% rabatu i 2% sconta kasowego — podpisałem w zupełnej nieświadomości, nie znając treści danej mi przez p. MONDSZAJNA do podpisu deklaracji i będąc co do niej w błędzie. Dowiedziawszy się o treści wspomnianej deklaracji, oświadczam niniejszem, że podpis swój powyższy cofam, gdyż treść omawianej deklaracji prawdzie nie odpowiada.

*Josek Margulies*
**Sprzedaż żelaza**
w SKARYSZOWIE.

## טאפעציר-אנשטאלט

דערמיט מאַך איך בעקאנט די יודישע בעפעלקערונג פון ראדאָם און פון אומגעגענד, אז איך האָב געעפענט **א טאפעציר-אנשטאלט** אויף לובלינער 50. איך נעם אָן אלערליי **טאפעציר-ארבייט** ווי: קאנאַפעס, שטילען, מאטראצען א. ד. ג. איך פערלעג אויך גארדינען פערשידענע דעקאָראציעס. אלעס צו צוגענגליכע פרייזען און רעעלע בעהאנדלונג. קומט און איבערצייגט אייך. איך האָב אויך א גרויסען אויסוואהל פון קאָסטקעס.

**טייכמאַן** לובלינער 50
טאפעציר-אנשטאלט.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס מיין פריינד ר' **חמיאל פוקס** צוליב דעם טויט פון זיין פריהצייטיג פערשטאָרבענעם אייניקעל

# יאנקעלע נ. ע.

זאָל ער מעהר נישט וויסען פון קיין צער און געפינען א טרייסט אין דעם נחת פון די איבעריגע קינדערלעך.

**יאנקעל דוד ווייסעדרויב**
עם פאמיליע.

| Teatr „ROZMAITOŚCI" w Radomiu. | **We WTOREK dnia 28 sierpnia r. b.** |
|---|---|

Tylko jeden wielki wieczór

## KAZIMIERZA KRUKOWSKIEGO (LOPKA)

Artysty teatru „QUI PRO QUO" w Warszawie

ze współudziałem Władysławy Jaśkówny, Adama Rapackiego

Oraz znakomitego duetu baletowego „NEY"

**Szczegóły w programach.**

Początek o godz. 8,30 punktualnie.



קומט און בעווינדערט
די הערליכסטע
# טאפעטען
די נייעסטע פאסאָנען
ביי די בעסטע בעדינגונגען
# ש. שטיינמאַן
לובלינער 21.

**Magistrat m. Radomia,** Wydział Skarbowy, podaje do publicznej wiadomości, że w dniach 30 i 31 sierpnia 1928 roku, między godziną 9-tą rano, a 3-cią po południu, odbędą się na Placu Jagiellońskim przymusowe licytacje ruchomości u niżej wymienionych osób za niewpłacone podatki:

**30 sierpnia 1928 roku.**

1) SZELOCH LUDWIK, ul. ŻEROMSKIEGO 22: 1 kredens dębowy, 1 stół dębowy, 6 krzeseł, 1 otomana, kryta zielonym pluszem, 1 maszyna do szycia, nożna, „Singer", Nr. 15957267, 3 szafy na ubranie, 1 bieliźniarka, 1 toaletka, 1 lustro-tremo, garnitur mebli z pluszem, 1 skrzynia „Polphom".—

**31 sierpnia 1928 roku.**

2) GROSFELD ABRAM, ul. KOZIENICKA 4: 1 szafa na ubranie, z drzwiami lustrzanemi, 1 otomana, 1 serwantka, 1 kredens, 1 maszyna do szycia.—

**Magistrat m. Radomia, Wydział Skarbowy.**

## PROFESORKA DYPLOMOWANA
### JĘZYKA FRANCUSKIEGO

ukończywszy Uniwersytet Francuski z odznaczeniem udziela lekcji francuskiego i szybkiego władania językiem metodami najnowszemi u siebie lub za domem.

*Fela Rozenberg*
**RADOM, RWAŃSKA 21.**

## דאנקזאגונג.

דערמיט ווערט אויסגעדריקט דער העפליכסטער דאַנק. די פרייליינס: ראָטבאדר, צוקער, גרינשפאָן, אייזעניואסער, פיינזון, אקערמאן, שליאמאָוויטש, ווייצמאן, ראפאל, קלינגער, פאָטאזשניק, שאפיר, קופערשמידט, ווינגארט, גרינבערג, פאָמעראנץ, ראָמער, סייגמאן.

און די ה"ה: קירשענבוים, פינקעלשטיין, פרידמאן, האנדעלסמאן, וויינגארט פאר זייער ענערגישער ארבייט ביים בלומעל-פערקויף, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 2/8 און 13/8. זייער איבערגעגעבענהייט זאָל דיענען אלס מוסטער אויף ווייטער פאר אנדערע.

מיר וואונשען זיי א כתיבה וחתימה טובה.

דער קאָמיטעט פון דער **תלמוד-תורה**
אויף דער סקארישאָווער גאס № 24

בלב נשבר ונדכה אנחנו מודיעים על מות **אמנו**
האשה החשובה והצניעה מרת

# טילה ווייַנטרויב

אשת ר' בנימין ז"ל. (הנקרא יאנישיווער),
שהלכה לעולמה בשנת 72 לחייו ביום ד. ו' לחודש אלול תרפ"ח
והובלה לקבורה באותו יום.

השרויים בצער
בניה, כלותיה, נכדיה, נינהי ומשפחתה.

## קעלצער „בית יתומים" געקויפט א פלאץ אויף א יתומים-הויז.

מיט צופרידענהייט איילען מיר זיך מודיע צו זיין אונזערע ג. לעזער, אז פערגאנגענער וואך האט די פערוואלטונג פון „בית - יתומים" געקויפט א גרויסען בעקוועמען פלאץ אויף דער נייער וועלט נומער 9, אויף וועלכען ס'וועט אויפגעבויעט ווערען א יתומים-הויז.

דער פערוואלטונג פון בית-יתומים, וועלכע ארבייט ביי זעהר שווערע בעדינגונגען און מיט כסדור'דיגע דעפיציטען טהוט איהר חוב בנוגע דעם יודישען יתום ווי געהעריג ערפילען. איצט, אויב מען וויל, אז דאס יתומים הויז זאל וואס שנעלער אויפגעבויעט ווערען, ווענדעט זיך נאר אין דער יודישער בעפעלקערונג זעלבסט, וועלכע זאל ארויסווייזען איהר גוטען ווילען און שפענדען פאסענדע סומען לטובת דעם הומאניטארען צוועק.

## בלימעל-פערקויף לטובת „קרן קימת"

פרייטאג, דעם 31 ה. ח. קומט פאר אין קיעלץ א בלימעל-פערקויף לטובת דעם „קרן-קימת". אין דעם בלימעל-פערקויף העלפען זיך בעטייליגען די ציוניסטישע אינטעליגענץ, עלטערע און יונגערע.

עס איז צו האפען, אז דאס בלימעל וועט געקרוינט ווערען מיט'ן גרעסטען ערפאלג.

## אין כאסקעס - אפטייק אין קעלץ וויל מען קיין יודען נישט גלויבען.

פערגאנגענע וואך, האט ה' י. מ. מייערקעוויטש (דער ויידע פון ה' חיים פאכעל) געשיקט קויפען אין סאסקעס-אפטייק אריין אין קיעלץ א פלעשעל וויש-וואסער, מיטשיקענדיג דערביי א גרויסען אויסטויש-סומאי. דער אפטייק אנגעשטעלטער האט, על פי טעות, געגעבען דעם שלוח א קליינעם סומאן אנשטאט א גרויסען. ווען ה' מייערקעוויץ אליין האט דעם אפטייק-אנגעשטעלטען אויף דעם טעות אויפמערקזאם געמאכט, האט דער לעצטער געענטפערט: מעגליך, אז עס איז געוועזען א טעות, נאר „פרינציפיעל גלויבט ער נישט קיין יודען". אט אזוי זעהען נעבעך מיר יודען אויס: „אז אפילו אין סאסקעס-אפטייק וויל מען אונז אויך נישט גלויבען..."

## א אנגעזעהענער קעלצער יודישער סוחר „שפענדעט" 5... גראשען לטובת דעם „בית-יתומים".

מיט א קורצער צייט צוריק, בעת עס איז אין אונזער שטאדט אדורכגעפיהרט געווארען די וואך פאר'ן יודישען יתום, האט זיך אויך צווישען אנדערע געוואנדען א דעלעגאציע פון 3 פערזאן צים קיעלצער אנגעזעהענעם יודישען סוחר ה' י. א. דער לעצטער האט בעפוילען זיין דערוואקסענעם זוהן די דעלעגאציע צו ערלעדיגען. דער זוהן האט דעם פאטערס בעפעהל ערפילט און האט די דעלעגאציע „ערלעדיגט" מיט גאנצע 5... גראשען. די דעלעגאציע האט געהאט א טעות און זי האט זיך דעריבער נאך א מאהל וועגען דער נדבה געווענדעט צום פאטער זעלבסט. ה' י. א. האט געענטפערט, אז „מעהר" קען ער נישט געבען. זעלבסטפערשטענדליך האט די דעלעגאציע די „היבשע" מתנה פון ה' א. נישט גענומען.

עס איז שוין די העכסטע צייט, אז די יודישע בעפעלקערונג זאל פערשטעהען, אז די בית-יתומים זאמלער זענען נישט קיין פראפעסיאנעלע שנארערס פאר זיך, נאר, זאמעלענדיג פאר'ן „בית-יתומים", ערפילען זיי א הייליגען חוב פאר'ן יודישען יתום, פאר וועמענס גורל יעדער יוד מוז פעראנטווארטליך זיין און אלס אזעלכע בעדארף מען זיי אנשטענדיגער בעהאנדלען.

## קהלה - דעלעגאציע בעזוכט די זומער - קאלאניעס פון „טאז" און „בית - יתומים".

היינטיגען זונטאג, האט א קהלה-דעלעגאציע, וואס איז בעשטאנען פון די ה"ה: הרב ראפאפארט, פרעזעס קלוסקא און דאזאר ראזענבלום, בעזוכט די זומער-קאלאניעס פון דער קיעלצער געזעלשאפט „טאז" און „בית יתומים" אין סוכעדניעוו.

די דעלעגאציע האט זיך בעקענט מיט דעם צושטאנד פון די קאלאניעס. זי האט זעהר געמיטליך פערברענגט מיט די קינדער, האט זיי געגעבען שאקאלאדע און קארמעלען און האט ארויסגעטראגען דעם בעסטען איינדרוק.

די „טאז"-קאלאניע, ווי מיר האבען שוין איבערגעגעבען, איז פראכטפול איינגעארדנעט און בנוגע די בעדינגונגען פון דער „בית-יתומים"-קאלאניע לאזט זיך נאך איבער טפעס צו וואונשען, אבער די שולד פאלט אויף דער יודישער בעפעלקערונג, וועלכע זארגט זעהר ווייניגער וועגען די יודישע יתומים.

פאר 2 וואכען האט א קהלה-דעלעגאציע אויך בעזוכט די „לינת-הצדק"-קאלאניע אין גראכאווקע נעבען קיעלץ. אויך די קאלאניע איז זעהר בעקוועם איינגעארדנעט און מאכט א גוטען איינדרוק.

## פון אנ'אטעאיסט — א מאמין...

עס הערען דא נישט אויף די קלאגען, אז דער געוועזענער דירעקטאר פון א היגען יידישען פריוואט-גימנאזיום ה' דינצעס, האט זיך געזאלט טויפען. ווי מען זאגט, האט ער אין דעם זכות אוואנסירט און איז געווארען דירעקטאר פון א רעגירונגס-גימנאזיום אין מעזריטש.

ביז אהער איז ה' דינצעס געוועזען דירעקטאר און איינער פון די ערב-משומד'ישע שולען אין ווארשא. דא אין קעלץ געדענקט מען נאך צו דערצעהלען, אז דעם ה' דינצעס איז א מאהל אויסגעקומען צו זיין אנ'עדות אין היגען קרייז-געריכט, ווען דער ריכטער האט איהם געוואלט בעשווערען מיט א ספר-תורה, האט ה' דינצעס זיך דערפון אבגעזאגט, מאטיווירענדיג, אז ער איז א קאנפעסיאנסלאזער, דאס הייסט אנ'אונגלויביגער.

פלוצלינג הערט מען יעצט גאר, אז ער האט אנגענומען א גלויבען...

## נייע אייטא-קאמוניקאציע: קעלץ—ראדאם—ווארשא.

די נאנטסטע טעג ווערט געעפענט א נייע אויטא-קאמוניקאציע: קעלץ—ראדאם—ווארשא. די נעמען פון די קאנצעסיאנערען און דעם גענויען רייזע-פלאן וועלען מיר געבען אין נאנטסטען נומער פון אונזער צייטונג.

## די טרויער-הזכרה אין שוהל צוליעב די ערשטע יאהר-צייט פון פערשטארבענעם קעלצער וואיעוואדא מאנטויפעל.

פערגאנגענעם פרייטאג, דעם 17 ה. ח. אין דעם טאג פון די ערשטע יאהר-צייט פון פערשטארבענעם קעלצער וואיעוואדא איגנאצי מאנטויפעל, איז אין דער קעלצער שוהל פארגעקומען א טרויער-הזכרה. בעת דער הזכרה זענען געווען אנוועזענד די פארשטעהער פון דער אדמיניסטראטיווער מאכט, קהלה-פרגסים און דאזארעס מיט'ן פרעזעס קלוסקא בראש.

נאך דעם ווי חזן ווינער האט געזונגען מיט'ן כאר געהעריגע קאפיטלעך תהלים און געמאכט א אל מלא רחמים דעם וואיעוואדא מאנטויפעל, האט הרב ראפאפארט געהאלטען א רעדע וועגען דער פערזאן פון פערשטארבענעם וואיעוואדא. נאכ'ן זינגען דעם פוילישען הימן האט זיך די הזכרה געענדיגט.

## געזעלשאפט „אחי עזר" אנגאזשירט א נייעם שוהל-שמש.

די געזעלשאפט „אחי עזר", (דאבראטשיינאשטש) וועלענדיג א סוף מאכען צו די אונערהערטע סקאנדאלען און מחלוקתן וואס קומען פאר צווישען די שוהל-מתפללים, האט אבגעזאגט פון זיין פאסטען דעם ביז-איצטיגען לאנג-יעהריגען שוהל-שמש, ה' י. ש. כמיטלניצקי, וועלכען זי האט חושד געווען אין אינטריגעס צווישען די מתפללים און האט אויף זיין ארט אנגאזשירט דעם ה' א. ח. בלאנק, דעם געוועזענעם „לינת-הצדק"-אינקאסענט.

צי עס וועלען שוין צוליעב דעם אויפהערען די ארומרייסענישען צווישען די מתפללים — איז נאך א גרויסע פראגע.

הלואי יא.

## צוזאמענפאהר פון די סוחרים-פעראיינען פון קעלצער וואיעוו.

זונטאג, דעם 26 ה. ח. קומט פאר אין קעלץ א צוזאמענפאהר פון אלע יודישע סוחרים-פעראיינען פון דער קעלצער וואיעוואודזטווא. אויפ'ן צוזאמענפאהר וועלען בעטראכט ווערען זעהר וויכטיגע סוחרישע פראגען.

## א בלוטיגע הריגה צווישען די ראדאמער פישער׳ס.

דאָ וויל איך איבערגעבען פאַר דער עפענטליכקייט א שוידערליכען פאַקט, וואָס בעווייזט אויף וואָסערע רוצחישע מעשים די ראדאָמער פישער זענען פעהיג.

פאַר דריי וואָכען, פרייטאָג, דעם 3-טען ה. ח. זענען די פישער-הענדלער די ה״ה: ברידער בריפסטרעגער, ש. בלאָגלאַס און פ. פּאַרמאַן מיך אָנגעפאַלען און איינער פון זיי דער ה׳ גבריאל בריפסטרעגער האָט מיט א צווייער קילאָ געוויכט זיך געוואָרפען אויף מיר און מיר דערלאַנגט אין קאָפּ צוויי מערדערליכע קלעפּ אזוי, אז ס׳איז פשוט געווען א נס, וואָס ער האָט נישט געטראָפען אין מוח. ס׳האָט קיין סך נישט געפעהלט און ער וואָלט מיך געלאָזט פּוסט אויס׳ן אָרט. די צוויי זעץ זענען אָבער אויך געווען גענוג געפעהרליך, אז מ׳האָט מיך געמוזט תיכף, נאָכדעם ווי כ׳האָב בעקומען צוויי טיפע וואונדען, פון וואנען ס׳האָט געגאָסען טייכען בלוט — נעמען צו א דאָקטאָר.

איך בין געלעגען 10 טעג צו-בעט און ד״ר קאָדישעוויטש האָט נאָך אָנ׳ענערגישע אַרבייט מיך געראַטעוועט פון א גרויס לעבענס-געפאַהר. דער ד״ר קאָדישעוויטש האָט קאָנסטאַטירט, אז ס׳האָט געפעהלט אַ קלייניגקייט, און דער קלאַפּ וואָלט געטראָפען אויף אזא אָרט, אז איך וואָלט יונגערהייד אַוועק פון דער וועלט.

די בלוטיגע רציחה איז ארויסגעקומען דערפון, וואָס איך, יוסף פעלדהעבער אויך א פיש-סוחר, בין ארויסגעטרעטען פון שותפות, נישט קענענדיג מיט זיי אָדורכקומען צוליב פערשידענע מיספערשטענדנישען אין געלד-חשבונות, וואָס זענען זייער נישט גוט אויסגעפאַלען פאַר מיר. די דאָזיגע הערען האָט אָבער געשמעקט דאָס שותפות און זיי האָבען מיך פשוט געוואָלט מיט געוואַלד צווינגען צו זיין ווייטער זייער שותף און בלויז דערפאַר, וואָס איך האָב דערויף נישט איינגעשטימט, איז צווישען זיי בעשלאָסען געוואָרען צו געהן מיט פויסט-קלאַפּ אום זיך אָבצורעכנען מיט מיר אויף א מערדערליכען אופן, האָבענדיג אזוי א נאָך א טייהעלשען פלאַן דורך אַנ׳הריגה מיך צו בעזייטיגען פון דער וועלט. די דאָזיגע רוצחישע מיסיע האָט אויסגעפיהרט דאָס ה׳ גבריאל בריפסטרעגער מיט א צווייער קילאָ-געוויכט.

קיין אנדערע סבה צו דער אומענשליכע רציחה איז נישט געווען. איך שטעל פעסט, אז ביי א דין-תורה בײַם רב קעסטענבערג און בעוויזען געוואָרען שוואַרץ אויף ווייס, אז מיר קומט נאָך א רעשט ביי מיינע „אַנשטענדיגע״ שותפים 267 זל. דערויף איז דאָ עדות און א פסק בי״ד.

אַט וואָס עס קאָנען די ראדאָמער פישערס. נישט גענוג, וואָס מיר קומט נאָך א רעשט געלד. האָבען זיי נאָך ארויסגעוויזען אזא מערדעריי, וואָס איז אונערהערט ביי יודען. צוליב וועלכע פערוואָפען פאַר זיך דעם גאנצען פיש-מארק און ארויסרייסען פון א צווייטען יוד דאָס ברויט, האָט מען זיך ערלויבט אויף א ווילדען באַרבאַרישען טהאַט אומצובריינגען א אומשולדיגען יוד, א טאַטען פון 8 קינדער און אזוי ארום פערוואַנדלען א גאַנצע פאַמיליע אין אלמנות ויתומים.

דער גאַנצער אָרגאַניזאַטאָר פון דער דאָזיגער „מענשליכע״ און „יודישע״ אקציע איז געווען ה׳ שלמה בעלזבערג, גבאי אין דעם ביהמ״ד און א גאַנצער מנגן פון שלש סעודות-זמירות. נאָך מיט א טאָג פריהער, דאָנערשטאָג, האָט דער זעלבער אויפ׳ן מארק גע׳עצה׳ט מיך מכבד צו זיין מיט א געוויכט פון 5 קילאָ. איך האָב „אָפּעלירט״ אז אפשר וועט פאַר מיר, אלס שוואַכער מענש, גענוג זיין א האַלבער קילאָ, ווייזט אויס, אז זיי האָבען געמאַכט צווישען זיך א פשרה און איינגעפינען, אז אַ צווייער קילאָ איז אויך כדי להמית.

נאָך דאָנערשטאָג איז געגעבען געוואָרען דער סיגנאַל צו דער דאָזיגער רציחה, ווייל אין זעלבען טאָג זענען די ברידער בריפסטרעגער מיט זייער מוטער בעפאַלען אויף דער רייטשול מיין פרוי מיט אַ ברעט. אויסגעגאָסען א גאַנצע באַליע פיש און געריסען האָר פון קאָפּ ביי מיין מיידעל. נאָר דעם איז טאַקי צומאָרגענס פרייטאָג פאָרגעקומען דער אמת׳ער קלאַפּ מיט׳ן צווייער-קילאָ-געוויכט.

די גאַנצע טרויריגע געשיכטע פון דער הריגה איז איבערגעגעבען געוואָרען צום געריכט, וואו ס׳איז אויך בייגעלעגט א ווינע-ראַפּאָרט פון ד״ר קאָדישעוויטש.

זאָל האָטש די שטאָדט וויסען אויף וואָסערע גרויליכע מעשים די ראַדאָמער יודישע פישער׳ס זענען פעהיג.

**יוסף פעלדהעבער**

אלס עדות: יצחק ראָזענצווייג.




די יונגע פרוי פון קראָקוי זאָגט:

מיין וועש איז שטענדיג בלענדענד ווייס, ווייל זייף קלויב איך אויס זעהר פארזיכטיג און שטענדיג אליין.



דער זייף פון מיין וועש שוינען, זיין שפּאַרעוודיג און ביליג

איך קלויב אויס שטענדיג נאָר

**MYDŁO JELEŃ SCHICHT**




דאָס בעסטע שפּייזעפעטס צום בראָטען, פּרעגלען און באַקען איז „פּאָטאָקאָל״

די בעסטע טאַנגעץ-פּוטער „פּאָטאָקאַנאַ״

דאָס בעסטע שפּייזן-אייל „פּאָטאָק״




אלץ אונטער דער שטרענגער השגחה פון דעם פּינדינער ראַבינאַט

Kino „Odeon" — w — Radomiu | Od 23 sierpnia 1928 roku. pierwszorzędne gwiazdy ekranu

Emil Jannings, Lidja Szimonowa, Dagny Servaes, Harry Liedtke, A. Basserman, Paul Wegener

p. t. **ŻONA FARAONA**

Anons: Od poniedziałku szlagier sezonu **Gehenna Jeńców** (Drut kolczasty) w roli głównej POLA NEGRI.

Kino Teatr „CORSO" — w — Radomiu | Od czwartku 23 sierpnia 1928 **Wielka premjera:**

DOTĄD NIEWIDZIANA W RADOMIU!

**Miłość nad brzegami Newy**

**(WYKOLEJENI)**

Dramat życiowy w 10 dużych aktach, ilustrujący życie dzisiejszej Rosji.

Nad program! *Niech żyje straż ochotnicza.*

**Felczer H. GRINSZTAJN Radom, Zgodna 1, tel. 303.**



Redaktor i Wydawca CH. M. HERC

Odbito we własnej drukarni, Radom, Szwarlikowska 29